# שפתי אביגדור
באידיש

## מתן תורה
חג השבועות תש"פ

עס איז דא א מחלוקת **רבי אליעזר** און **רבי יהושע** ווי אזוי זיך מתנהג צו זיין אום יום טוב, ביי אלע ימים טובים, רבי אליעזר זאגט **או כולו לה' או כולו לכם**, און רבי יהושע זאגט **חלקהו חציו לה' וחציו לכם, זאגט אבער רבי אלעזר הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם**, ווען עס קומט צו "יום טוב שבועות" זענען אלע מודה אז מען דארף האבן 'לכם', דאס הייסט אז עס דארף זיין א טייל 'לכם', עס קען נישט זיין כולו לה', **מאי טעמא? יום שניתנה בו תורה הוא ווייל דאס איז דער טאג וואס דער תורה איז געגעבן געווארן (פסחים סח:)**. דארף מען פארשטיין וואספארא טעם איז דאס 'יום שניתנה בו תורה' אדרבה ווען דעם זאל דאס זיין כולו לה'? זאגט רש"י - שבועות זענען אלע מודה אז מען דארף האבן 'לכם' - **שישמח בו במאכל ומשתה להראות שנוח ומקובל יום זה לישראל שניתנה תורה בו.**

אין פשטות קען מען זאגן מ'דארף עסן און טרינקען כדי מ'זאל פארשטיין אז קבלת התורה איז געווען א גרויסער הצלחה אין 'גשמיות', **כי היא חייך ואורך ימיך (דברים ל כ)**, כפשוטו! ווייל אָן א שיעור הצלחות בגשמיות קומען פון תורה, און דער מענטש קען דאס פארגעסן, ער קען מיינען אז דורך תורה איז ער א עובד ה', ער טראכט נאר וואס "ער" טוט פארן אויבערשטען, און ער קען פארגעסן אז עס איז גאר פארקערט **ונתן לנו**! דער אויבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, א מתנה! איז דערפאר כדי מ'זאל דאס דערהערן מוז זיין מאכל ומשתה - 'בעינן נמי לכם' - כדי מ'זאל דערהערן אז עס איז א טאג פון הצלחה פארן חומריות פון ישראל.

'דער' פירוש איז אוודאי אמת, עס איז קיין ספק נישט, און מ'איז מחויב צו טראכטען פון דעם, אז מ'טראכט ווען **אהבה רבה אהבתנו.. חמלה גדולה ויתירה חמלת עלינו (שחרית)** מוז מען דאס אריין נעמען אין כלל, מען איז נישט יוצא מיט רוחניות'דיגע חשבונות. **אני חומה (שה"ש ח י) - זו תורה (פסחים פז.)**, די תורה איז א חומה וואס באשיצט דעם מענטש, עס איז א חלק פון הכרת טוב פון די שמחה פון עצרת, די גרויסקייט פון קבלת התורה איז כולל די שמחה פון גשמיות, און מען טאר דאס נישט פארגעסן, נישט נאר מען טאר דאס נישט פארגעסן, מען דארף פורט זיין פרטי פרטים, און ס'איז דא א אסאך צו רעדן וועגן דעם ווי תורה איז ממש **כי הם חיינו ואורך ימינו (מעריב)**, און נישט נאר פשט 'ליום שכולו טוב ליום שכולו ארוך', נישט נאר אויף עולם הבא, נאר יעצט אויפן מינוט תיכף ומיד, **ובתורה אתה עמל אשריך וטוב לך אשריך 'בעולם הזה' וטוב לך לעולם הבא (אבות ו ד)**, און אויב מ'דערהערט דאס נישט איז מען כפוי טובה, עס פעלט הכרה אין די חסדי ה'. און דאס מוז מען מאריך זיין, מ'מוז פארברענגען צייט אין דעם.

אבער ס'איז דא נאך א ענין פארוואס עצרת דארף האבן 'לכם'. מ'דארף האבן 'לכם' ווייל אפילו די וואס דערהערן די גשמיות'דיגע הצלחה פון תורה, די הצלחה פון חיי העולם הזה, דארפן זיי דערהערן די רוחניות פון תורה, און דאס דארף מען וויסן איז נישט פשוט, וועט מען זאגען וואס

הייסט עס איז נישט פשוט? רוחניות אוודאי! **והקרן קיימת לו לעולם הבא (פאה א א)**, וואס איז דען גרעסער פון דעם! דאס דארף דען האבן הסברה?! צוליב דעם איז נויטיג אז מ׳זאל האבן לכם צו דערהערן דאס?! ווער פארשטייט דאס דען נישט?! וואס איז דער מענטש אויב נישט לעולם הבא! **כי מה הם חיי האדם בעולם הזה! (מסילת ישרים פרק א)**, עס גייט פארביי און עס איז גארנישט, אוודאי איז די הצלחה אין נצחיות! דער הויפט הצלחה! אבער אף על פי כן ׳הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם׳ מען דארף דאס דערהערן - די רוחניות׳דיגע הצלחה - דארף מען דערהערן דורך מאכל ומשתה.

אבער עס איז דא נאך עפעס אין קבלת התורה, **רב יוסף ביומא דעצרתא**, ווען עס פלעגט קומען שבועות, **אמר**, פלעגט ער הייסן, **עבדי לי עגלא תילתא**, מ׳זאל שחט׳ן פאר איהם א ספעציעלער עגל צוליב די שמחה פון דעם היינטיגן יום טוב, און ער האט מסביר געווען, **אי לאו האי יומא דקא גרים**, אויב נישט צוליב דער טאג וואס איז גורם, אויב נישט דעם טאג **כמה יוסף איכא בשוקא (פסחים סח:)**, וויפיל יוסף׳ס איז דא אויף דער וועלט, און דאס וואס ׳ער׳ איז דער ׳רב יוסף׳ וואס איז מצוין אין דער וועלט, וואס ׳ער׳ איז דער רב יוסף פון גאנץ ש״ס, דאס איז נאר צוליב קבלת התורה, רב יוסף האט דערהערט אין קבלת התורה א באזונדערער פריוואטער שמחה, - יעדער מענטש דארף זיך פרייען ׳בכלליות׳ פאר די הצלחה פון כלל ישראל, **על אבותינו ועל בנינו ועל דורותינו (שחרית)**, אוודאי איז דאס א הצלחה גדולה אין אלע פרטים, און מ׳דארף דערהערן אלע פרטים, אבער דער יחיד דארף דערהערן וואס איז נוגע ׳איהם בפרט׳, און רבי יוסף האט דערהערט וואס תורה האט געמיינט פאר ׳איהם׳.

וואס האט תורה געמיינט פאר איהם? ׳כמה יוסף איכא בשוקא׳, דער חילוק פון רב יוסף מיט די אלע יוסף׳ס וואס איכא בשוקא איז א חילוק בעצם און א חילוק אין צורה, בעצם אין שלימות, תורה איז שלימות! דאס האט רב יוסף דערהערט, פאר איהם האט דאס גורם געווען אז ער איז געווארן ׳רב יוסף׳ פון גאנץ ש״ס. - מען דארף וויסן וואס עס מיינט רב יוסף פון גאנץ ש״ס, צו ווערן א רב יוסף פון גאנץ ש״ס האט געפאדערט אז עס זאל זיין א שינוי בעצם פונעם גאנצען מענטש, אין ש״ס נעמט מען נישט אריין קיין סתם מענטשן, סתם נעמען צוליב זייער בקיאות און חריפות, ס׳איז א גרויסער טעות צו טראכטען אזוי, יעדער איינער פון זיי - דער קלענסטער פון זיי - איז געווען ׳כמלאכי השרת׳, ווען ער האט געלערנט תורה האט ער זיך דורכגעלייטערט אין אלע מדות הנפש, אין אלע כוחות פון גוף, ער איז געווען א שולט בכל אשר לו, איבער די רמ״ח אברים איז ער געווען א שליט, דאן אז ער האט געהאט וואס צו זאגן האט דאס געהאט א מקום אין ש״ס, אז מען ווייסט דאס נישט פארשטייט מען נישט ש״ס! **קטן שבהם מחיה מתים (עי׳ עבודה זרה י:)**. - און ווען רב יוסף האט געגעסן שבועות האט ער געגעסן כדי ער זאל דערהערן ׳דעם׳ חסד ה׳.

פארוואס דארף מען עסן? ער וואלט געמעגט פאסטן אויך און זיך פרייען אזוי מיט זיין רייכטום? דער תירוץ איז **אין פיתוי בלי אכילה ושתיה (עי׳ חולין ד:)**, מען דארף דערהערן וואס עס מיינט די הצלחה פון שלימות, אבער אז מען רעדט צום ׳גוף׳ מיט ׳סברא׳ אליין קען מען דאס נישט דערהערן, דער ׳שכל׳ פרייעט זיך אוודאי חדאי נפשאי! **רב ששת** פלעגט זאגן **חדאי נפשאי** פריי זיך מיין נשמה, **לך קראי** פאר דיר האב איך געלערנט מקרא, **לך תנאי (פסחים סח:)**, פאר דיר האב איך געלערנט משנה, אוודאי פרייעט זיך די נשמה, אבער רב יוסף האט געוואלט אז זיין גוף זאל דערהערן זיין שמחה, פארוואס דארף מען האבן דער גוף צו דעם? דער תירוץ איז אז עס איז נישטא

קיין אמת'ער שמחה אין די השתתפות פונעם גוף.

ווען יצחק אבינו האט געדארפט געבן א ברכה צו זיין זון עשיו האט ער געזאגט **עשה לי מטעמים כאשר אהבתי..** מאך פאר מיר געשמאקע מאכלים, **בעבור תברכך נפשי.. לפני ה' לפני מותי (ברא' כז ד/ז)**, מאך מיר געשמאקע מאכלים 'כאשר אהבתי', מיר דערהערן נישט וואספארא ווערטער דאס איז, יצחק זאגט מאך 'מטעמים' געשמאקע מאכלים 'כאשר אהבתי' כדי איך זאל דיר בענטשן לפני ה', דארף מען פארשטיין אז מ'בענטשט לפני ה' איז דאס תלוי אין געשמאקע מאכלים?! האט דען יצחק'ס שכל איהם נישט מחייב געווען דאס וואס ער האט באשלאסן על פי סברא?! זיין שיקול הדעת אז עשיו דארף קריגן די ברכות איז דאס נישט געווען מספיק און ער האט געדארפט האבן דערצו אז עשיו זאל איהם קארמענען מאכלים מטעמים און געשמאקע מאכלים כאשר אהבתי?! איז דער פשט אז 'תברכה נפשי' אז מיין 'נפש' זאל געבן א ברכה, דער 'נפש' דארף משתתף זיין, דער נפש איז דער רצון, די נשמה איז נאכנישט זיין נפש, דער נפש פון א מענטש איז זיין רצון, און מ'דארף אפקויפן דעם רצון, דעם רצון דארף מען מפתה זיין אז ער זאל מסכים זיין, איז דערפאר - אפילו יצחק דער נביא - כדי ער זאל געבן א ברכה מעומק הנפש איז געווען נויטיג אז עס זאל זיין א הכרת טוב צו עשו צוליב מטעמים, און דווקא 'מטעמים כאשר אהבתי' כדי עס זאל מפתה זיין דעם גוף 'אין פיתוי בלא אכילה ושתיה'.

און כדי צו דערהערן די הצלחה פון שלימות פון תורה מוז דער 'גוף' משתתף זיין, אז נישט איז דאס נאר מן השפה ולחוץ, עס איז קיין שכל נישטא אָן די שותפות פון גוף, - דאס איז א סוד וואס די תורה איז אונז מגלה, - אז טאמער עס איז נאר 'שכל מופשט' אָן די חומריות, אָן די הרגשה פון 'גוף' אויב אזוי פעלט אין הכרה פון די שיקול הדעת, און דערפאר האט רב יוסף געזאגט מאכט א 'עגלא תילתא' צוליב די שלימות וואס ער האט באקומען פון מתן תורה.

אבער ס'איז דא נאך א צד צו דעם, דער אנדערער צד איז 'כבוד' וואס מיינט כבוד? אז די מענטשן אין גאס הייסן 'יוסף' און ער הייסט 'רב יוסף' צוליב דעם איז מתן תורה געווארן חשוב'ער ביי איהם?! און דער תירוץ איז יא, מען דארף נישט האבן קיין טעות כבוד איז גארנישט קיין פאלשער זאך, כבוד איז אמת לאמתו, עס איז אמת בעולם הזה און אמת לעולם הבא, רבינו סעדיה גאון **(אמונות ודעות מאמר י סוף אות יב)** זאגט אז כבוד איז צוליב נצחיות[1], ווען א מענטש איז מרגיש אין זיך א שטרעבונג צו כבוד, א חשק צו כבוד, דארף מען וויסן זיין אז עס איז נישט קיין 'יצר הרע', דאס איז א 'מתנה' פונעם אויבערשטען כדי ער זאל פריער מרגיש זיין אז עס איז דא א נצחיות, ער זאל פילן אז דער וועלט איז נאכנישט די גאנצע זאך, און דורכדעם זאל ער שטרעבן צום שלימות פון כבוד, צו כבוד נצחי, צו עולם הבא.

קומט אויס אז כבוד איז פון די גרעסטע זאכן, - נאר ס'איז א טעות צו זאגן אז עס איז 'פון די גרעסטע' זאכן, נאר כבוד איז די גרעסטע זאך וואס קען געבן - עס איז גארנישט דא קיין גרעסערער שמחה פון כבוד, און 'תורה' איז דער גרעסטער פאָרעם פון כבוד.

דער מסילת ישרים אין פרק י"א ווען ער רעכנט אויס די פארשידענע נסיונות וואס א מענטש דארף דורכמאכן, נסיונות אין ענייני ממונות, נסיונות אין פארשידענע סארטן רצונות, פארשידענע סארטן יצרים וואס

1 לשון הרס"ג שם "אבל נטע הבורא בנפש אהבת הכבוד והגדולה כדי שתשתוקק בהם לגמול העולם הבא". ועי' קונטרס "תכלית מדת הכבוד".

לויערן אויפן מענטש, און צום סוף קומט ער צו 'כבוד', און ער זאגט כבוד הוא הדוחק הגדול (מס"י פרק י"א), כבוד איז דער גרעסטער דוחק, דער גרעסטער צוואנג אויפן מענטש איז כבוד.

און ער ברענגט דוגמאות פון די גאר גרויסע וואס זענען דורכגעפאלן נאר צוליב כבוד, ווער איז דען געווען גרעסער ווי ירבעם בן נבט, תורתו של ירבעם לא היה בו שום דופי, אז ער האט געזאגט תורה איז דאס געווען אן א פגם, וואס האט געקענט אומברענגען אזא גרויסן מענטש - וואס דער אויבערשטער האט געשיקט א נביא 'אחיה השילוני' צו איהם, און דער נביא האט איהם געגעבן א יישר כח פאר זיינע מעשים טובים - וואס האט געקענט מאכן אז ירבעם בן נבט זאל אראפפאלן פון אלע מדרגות און פארלירן אלעסדינג אין דער וועלט און אין יענער וועלט? כבוד! אמר לו הקב"ה חזור בך! טוה תשובה! וואס שטעלסטו אויף עגלים אין דן און אין בית אל וואס ביסטו מכשיל דעם כלל ישראל, וואס לאזטו זיי נישט קומען אין ביהמ"ק אריין אין ירושלים?! חזור בך! ואני ואתה ובן ישי נטייל בגן עדן! אזא פארשלאג! הקב"ה מיט בן ישי און ירבעם זאלן פארברענגען אין גן עדן צוזאמען, האט ירבעם געפרעגט מי בראש ווער וועט זיין פריער איך צו 'בן ישי'? האט דער אויבערשטער געזאגט בן ישי בראש, האט ירבעם געזאגט אם כן לא בעינא (סנהדרין קב.), אויב אזוי וויל איך נישט, און קיין שום זאך האט נישט געקענט מכשיל זיין ירבעם בן נבט ער איז געווען גענוג גבור צו קענען כובש זיין יעדן סארט יצר, אבער דעם יצר פון כבוד האט ער נישט געקענט כובש זיין.

ווער איז גרעסער ווי קרח, קרח'ס קינדער זענען תכשיטים פון אונזער פאלק, למנצח לבני קרח! אזעלכע טייערע קינדער, שמואל הנביא קומט פון קרח, קרח אליין איז געווען א צירונג, ער איז געשטאנען ביים בארג סיני און ער האט געשריגן - העכער ווי אסאך אנדערע - נעשה ונשמע, ובקשתם גם כהונה (במדבר טז י), ער האט געזוכט כבוד, און ווען קרח איז אריינגעפאלן אין גיהנם האט ער נישט נאכגעגעבן ביזן לעצטן רגע אפילו על פתחו של גיהנם האט ער נישט חוזר געווען, ניין!

קומט אויס אז דער שטארקסטער נטייה אין א מענטש, דער גרעסטער נטייה אין א מענטשן איז כבוד, זעען מיר נישט ביי אומות העולם להבדיל מענטשן געבן זייער לעבן צוליב אביסל כבוד, זיי לאזן זיך גיין אויף מסירת נפש אלעס כדי נאכדעם זאל מען אויפשטעלן א שטיקל מאנומענט פאר זיי, וואס האט ער פון דעם ער איז שוין טויט! נאר די מחשבה פון כבוד איז גובר אויף איהם, ער געט אוועק זיין גאנצן לעבן, ער איז זיך מוסר נפש פאר א ברעקל כבוד, און וואספארא כבוד, נישט כבוד עולם הבא, ממש כבוד וואס איז לא כלום, כבוד המדומה, אזא כבוד וואס ער וועט דאס קיינמאל נישט אנקוקן, נאך זיין טויט, נאר דער מענטש האט אזא געפיל, א נטייה אין זיך, אזא שטרעבונג, ער וויל כבוד מער ווי אלעס. - און דער גרעסטער חסד וואס מ'קען טוען מיט א מענטש איז איהם געבן אביסל כבוד, ווען מ'רעדט וועגן טוען חסד מיט מענטשן איז 'מכבד זיין את הבריות' די גרעסטע זאך וואס מ'קען טוען פאר זיי, מער ווי געלד ווילן זיי האבן כבוד.

קומט אויס אז כבוד דאס איז פון די גרעסטע הצלחות וואס קען געבן, דאס איז נישט ווי מיר מיינען א טעות, דאס איז אמת לאמתו, איז ווען רב יוסף האט געזאגט 'כמה יוסף איכא בשוקא' דער כבוד פון זיין א 'רב יוסף' איז געווען אזא גרויסע שמחה אז רב יוסף וואס ער איז געווען פרוש פון אלע תאוות העולם הזה, און דווקא אין דעם טאג פון מתן תורה האט ער זיך אוועק געזעצט עסן בשר, - טאקע עסן כפשוטו - ער אליין!

אפשר מיט געסט אבער ער אליין האט משתתף געווען און געגעסן, ווייל ער האט געוואלט אז דער קערפער זאל דערהערן וואס עס הייסט כבוד, דער קערפער זוכט קיין כבוד נישט, דער קערפער איז צופרידן מיט גשמיות אָן כבוד, נאר מ'דארף דערהערן די שמחה די הצלחה פון כבוד.

קומט אויס אז עס איז דא אסאך ארבעט ווען שבועות קומט, אז מען זאל פארשטיין וואס עס מיינט 'אי לאו האי יומא דקא גרים', וואס שבועות איז פאר אונז, - דער רמב"ם וואס ער זאגט גדלהו על כל גדולה (אגרת תימן) דעם טאג פון מתן תורה דארף מען דערציילן און דאס ארומרעדן, על כל גדולה! מער ווי אלע גרויסע זאכן דארף מען רעדן פון מתן תורה. - איז דא אסאך ארבעט! אסאך ארבעט! א) מען דארף רעדן וועגן די גרויסקייט פון די 'גשמיות' פון תורה די הצלחה בעולם הזה - אני חומה זו תורה - וואס באשיצט אונז, תורה באגליקט אונז אין אלעס אין עולם הזה. ב) און מ'דארף רעדן וועגן די נצחיות פון תורה, די שלימות. ג) און מ'דארף רעדן וועגן די כבוד וואס די תורה געבט יעדן מענטש, יעדער איד וואס איז מקבל די תורה האט שוין כבוד, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים (שמות יט ו) יעדער איד וועט ווערן א כהן, וואס מיינט א כהן א כהן מיינט א ת"ח, ובני דוד כהנים היו (ש-ב ח יח), דאס מיינט חכמים (עי' רן נדרים סב.), א איד וואס עפנט אויף א חומש איז שוין א כהן, יעדער איינער לפי מדרגתו, אבער ס'איז א כבוד, אבער ווער רעדט די וואס געבן זיך אפ מיט תורה, כבוד חכמים ינחלו (משלי ג לה) די וואס זענען מצוינים בתורה, דארפן זיך מער פרייען, איז דא אסאך ארבעט שבועות.

מען דארף אבער וויסן, אז אויב מיר דארפן זיך פרייען מיט די אייגענע שלימות און מיט די אייגענע מדריגות אין כבוד וואס מ'האט דערגרייכט אין תורה, דארף מען זיך פרייען מיט דאס וואס אנדערע האבן אויפגעטון, דער אמת איז אפילו 'מיר' וועלן ווערן גרויס אין תורה אבער גרעסער ווי אביי און רבא וועלן מיר נישט ווערן, און אפילו גרעסער ווי רבי אהרן קאטלער ז"ל וועלן מיר אויך נישט ווערן, דארף מען וויסן אז שבועות איז מחייב אונז זיך צו פרייען אז די תורה האט אונז געגעבן גדולי ישראל אין עבר א חוץ אין הווה, דער רייכטום וואס דער כלל ישראל האט באקומען צוליב תורה אין די צורה פון די חכמי התורה פון אלע דורות איז א רייכטום וואס יעדער איד פארמאגט דאס אויף אייביג, יעדער איינער פארמאגט א אביי און א רבא.

וועלן מיר דאס מסביר זיין ווען הלל האט זיך געוואשן דעם קאפ ערב שבת, איז געקומען צו איהם א מענטש אין דער מענטש האט איהם געוואלט מקניט זיין, איהם מאכן אין כעס, האט ער איהם געפרעגט אומזיסטע פראגעס, און הלל האט איהם געענטפערט ביישוב הדעת, מיט ענוה, מיט חסד, און נאכדעם איז דער מענטש ווידער געקומען און ווידער מטריד געווען הלל און הלל האט איהם ווידער געענטפערט דער דריטן מאל אז דער מענטש האט געזעהן אז ער קען נישט ברענגען הלל'ן אריין אין כעס האט ער געזאגט אתה הוא.. דו ביסט דאס הלל אל ירבו כמותך בישראל, דאס הייסט אז קיין סאך הלל'ס זאלן נישט זיין, זאגט הלל פארוואס? זאגט דער מענטש ווייל איך האב פארלוירן פיר הונדערט זוז צוליב דיר, איך האב אויסגעלייגט פיר הונדערט זוז אז איך קען דיר מקניט זיין און איך האב דאס פארלוירן, זאגט הלל בני! הוה זהיר ברוחך כדאי הוא הלל שתאבד על ידו ארבע מאות זוז וארבע מאות זוז (שבת לא.), הלל האט איהם געזאגט אז עס איז ווערד פאר דיר - פאר יעדן אידן - צו צאלן אכט הונדערט זוז אז עס זאל זיין א הלל, הלל דער עניו האט מסביר געווען פאר דעם איד אז ער זאל וויסן וואס עס מיינט פאר איהם א הלל, עס איז א רייכטום פארן כלל ישראל צו האבן א

הלל, אפילו יעדער איד זאל דארפן צאלן פון זיין קעשענע אכט הונדערט זוז פאר הלל אליין - א חוץ שמאי, א חוץ אלע אנדערע חכמים - איז איהם ווערד, הלל איז א ברכה פארן כלל ישראל אויף כמה אופנים, א) די כבוד צו באלאנגען צו אזא פאלק וואס האט געהאט א הלל. ב) און די לימודים וואס מיר לערנען פון די אישיות פון די פערזענליכקייט פון הלל. ג) און די ברכות וואס מיר האבן אין אלע דורות צוליב הלל. ד) און די הלכות וואס הלל האט געהאלפן זיי מברר צו זיין. אָן א שיעור הצלחות האבן מיר פון הלל. כדאי הוא הלל! דער וואס פרייעט זיך אז ער האט דורכגעלערנט לאמיר זאגן אפאר סדרים ש"ס זייער פיין! ער איז א מאושר! ער איז א גליקליכער מענטש! אבער וואס איז דאס אנטקעגן וואס די גדולים פון די פריער'דיגע דורות האבן דורכגעלערנט, דארף ער זיך פרייען מיט זיי, ער מוז זיך פרייען וועגן זיך אליין דאס איז א באזונדערער חשבון, אז איינער האט געלערנט אפילו איין בלאט גמרא דארף ער זיך פרייען א הצלחה גדולה, אבער די וואס האבן געלערנט כל התורה כולה זענען אוודאי און אוודאי דער רייכטום פונעם כלל ישראל.

קומט אויס אז מען האט זיך צו פרייען מיט אלע גדולי ישראל פון משה רבינו אָן, דער אמת איז אז מיט מתן תורה דארף מען זיך פרייען מיט אברהם יצחק ויעקב ווייל מתן תורה איז געווען נאר צוליב זיי, און מתן תורה האט געבראכט אז אלע זייערע מעשים זאלן פארפולקאמט ווערן, מושלם ווערן דורך תורה, תורה איז נאר צוליב אברהם אבינו, מתן תורה איז צוליב אברהם אבינו, לקחת מתנות באדם (תהלים סח יט) וועלכער אדם? אברהם אבינו (שמות רבה כח א) דער אדם הגדול בענקים (יהושע יד טו), אויב אזוי איז דא א גרויסער ארבעט אין עצרת, און 'בעינן נמי לכם' מען דארף דאס מסביר זיין צום גוף דער טעמפער פארשלאפענער גוף, מוז מען מעורר זיין דעם גוף מיט אכילה ושתיה, און בשעת מעשה דארף מען רעדן פיתוי און זאגן חדאי נפשינו! אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתינו.

אבער אלעס שטייט אויף איין תנאי עס איז דא א תנאי, און דער תנאי איז העלית קב של חומטים, און אויב נישט איז מוטב שלא העלית (שבת לא.), עס איז אוממעגליך צו האבן א שמחה אין קבלת התורה אָן דעם אוצר של יראת שמים, אָן דעם איז דאס נאר געדעדט ווערטער וואס אין בהם ממש, דער קב של חומטים געבט א קיום צו דעם גאנצן אוצר פון חטים, רב יוסף האט אוודאי געהאט א קב של חומטים און דערפאר האט ער געהאט 'חדאי נפשאי', און ער האט זיך געפרייעט מיט דעם עגל וואס ער האט געגעסן און מפתה געווען דעם גוף, ס'איז געווען א פיתוי, אבער אויב עס פעלט יראת שמים פעלט דער 'מפתה'. אזוי דארף דער שכל 'מפתה' זיין דעם גוף אבער דער שכל אליין דארף האבן א פיתוי אז עס פעלט איהם יראת שמים פעלט איהם א מפתה. דער וואס האט קונה געווען יראת שמים קען ער צוקומען צום גוף און רעדן צו גוף די אלע הסברים וואס מיר האבן גערעדט, און דער גוף קען דאס דערהערן מיט די הילף מיטן סיוע פון פיתוי פון אכילה ושתיה, אבער אויב דער 'מפתה' איז אליין נישט קיין 'מפותה' עס פעלט איהם הסברה, דער וואס גייט ארויס פון לערנען מוסר דער האט נישט קיין הרגשה אין יראת שמים, ער האט הרגשה אין תורה אָן יראת שמים, אהה! ער וויל לערנען צום לערנען איז ער דא אבער צו מוסר איז ער נישט דא, איז א סימן אז ער וויל תורה אן יראת שמים, און תורה אָן יראת שמים איז נישט קיין תורה, 'מוטב' עס איז בעסער 'אם לא העלית', אויב דו וואלסט קיין תורה נישט געלערנט, דאס איז למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה, דערפאר די הקדמה צו שבועות איז וישם בלבנו אהבתו ויראתו, אהבת ה' און יראת ה', למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה.

קומט אויס אז עס איז דא א גרויסע ארבעט אלס א הכנה פאר שבועות, אבער דער וואס איז מכין, און ער איז מקבל די תורה מתוך אהבה און יראה, און דאן גייט ער צו צו די אלע חשבונות, 'אשרינו' ווי גליקליך מיר זענען בעולם הזה, 'אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא', און ער פארשטייט די 'שלימות' וואס תורה געבט איהם, און ער פארשטייט דעם 'כבוד' וואס תורה גיט איהם, און כבוד איז באמת א רכוש אויף אייביג, איז דער מענטש אז עס קומט שבועות איז ער בארעכטיגט זיך צו פרייען.

דער אמת איז אז אמאליגע צייטן אין די ישיבות איז שבועות געווען מער חדוה ווי שמחת תורה, - אזוי איז געווען, מענטשן געדענקען נאך אמאל אין אייראפע איז די שמחה פון די בני ישיבה שבועות געווען אסאך גרעסער ווי שמחת תורה, ווייל זיי האבן דערהערט וואס עס מיינט קבלת התורה.

און דער וואס איז שמח מיט קבלת התורה מיט די ריכטיגע הכנה ער איז ווערד צו האבן שמחה נצחיות.

בס"ד

# מאכט איר א שמחה?

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
מיט די תפילות, קריאת התורה, זמירות
**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**
ניצט אויס די כח פון **מזכה זיין** און טוהן **חסד** מיט
הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי **היות** און **דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:
**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# שאלות און תשובות

מיט

ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**די גמרא זאגט: 'אויב דו ביזט קראנק, דאן זאלסטו לערנען תורה כדי צו ווערן געהיילט. וואס איז מיט א מענטש וואס פארזעהט דעם חז"ל, ער גייט שלאפן כדי זיך צו שפירן בעסער?**

## תשובה:

**ווען** א מענטש שפירט זיך נישט גוט זאל ער ארייננקוקן אין די תורה. און וואס וועט ער זען אין די תורה? **רפא ירפא**, ססשטייט דארט אז ער דארף זיך לאזן היילן. אין דעם איז אריינגערעכנט אז ער זאל זיך אפגעבן מיט זיין קערפער אז עס זאל זיך היילן. א מענטש וואס שעדיגט אן אנדערן דארף ער באצאלן פארן שאדן און אויך פאר רפואות. אין גמרא ווערט אסאך ארומגערעדט איבער רפואות. זאל ער לערנען גמרא צו וויסן ווי אזוי זיך צו היילן!

**צומאל** קען מען נישט דיאגנאזירן די מחלה אדער אפילו ער האט שוין זיין דיאגנאז, זאל ער לערנען תורה ווייל דאס האט אלע סגולות פאר רפואה. דער אויבערשטער זאגט: "אויב דו געבסט אוועק דיין לעבן פאר תורה דעמאלטס ביזטו ווערד פאר א לענגערע לעבן!" טראץ דעם וואס איר פילט זיך נישט גוט זענט איר נאך אלץ עוסק בתורה, דאן ווייזט איר אז איר ווייסט ווי אזוי אויסצוניצן אייער צייט אויף דער וועלט, נאר פאר דעם אליין - קענט איר באקומען מער צייט אויף דער וועלט.

**דערפאר** איז לערנען תורה א סגולה פאר א רפואה, אבער דאס מיינט נישט אז איר דארפט פארנאכלעסיגן אייער געזונט. אפילו איר לערנט תורה זאלט איר מאכן זיכער צו שלאפן וויפיל אייער קערפער פאדערט זיך צו היילן.

## שאלה:

**איז דא אן ענין אין אויפזיין שבועות ביינאכט?**

## תשובה:

**ס'איז** נישט קיין שום שאלה אז ס'איז א גרויסע זכות אויפצוזיין שבועות ביינאכט. אסאך מענטשן זענען שוואך אדער נישט געזונט, וועל איך זיי נישט זאגן וואס צו טון אבער ווער ס'האט די מעגליכקייט איז נישט דא קיין שום סיבה נישט אויפצוזיין. ווען מען געט אוועק א נאכט ווייזט דאס אז אויף די וויכטיגע פון דעם מעמד.

**דער** הייליגע סאטמארער רבי זי"ע האט מיר אמאל גערופן קיין וויליאמסבורג איך זאל מאכן אן ארבעט פאר אים. איך האב געדארפט צאמשטעלן אן אדווערטייזמענט פאר די נוי יארק טיימס קעגן די ציונים. נאכ'ן אפשמעוסן אלע דעטאלן האט דער רבי מיר געגעבן א ברכה אז איך זאל מצליח זיין אין מיין ארבעט. יענע נאכט בין איך אויפגעווען א גאנצע נאכט צו שרייבן דעם ארטיקל. איך האב געשריבן און געמעקט א גאנצע נאכט. איך בין געווען גרייט אוועקצוגעבן דעם גאנצן נאכט ווייל די זאך געווען וויכטיג פאר מיר.

**ווען** איר גייט אננעמען די תורה און איר ווייסט די וויכטיגקייט דערפון וועט איר זיין גרייט אויפצוזיין א גאנצע נאכט. פונקט אזוי ווי די אידן זענען געווען אויף א גאנצע נאכט בעפאר זיי האבן זיך צאמגענומען צו שטיין פארן בארג סיני. פון דארט נעמט זיך טאקע דער מנהג. די אידן האבן נישט געקענט שלאפן, זיי האבן נישט געוואלט שלאפן, זיי זענען געווען אזוי איבערראשט. דער אמת איז אז איר ווילט שלאפן אבער אלץ זכר צו אונזערע אור-עלטערן ווייזן מיר אז מיר זענען אזוי פרייליך אויפצוזיין ביינאכט.

**ס'איז** טאקע נישט קיין הלכה אדער א מצוה מן התורה, ס'איז אויך נישט קיין תקנות חכמים, ס'איז נאר א מנהג וואס כלל ישראל איז אויף ביינאכט און דאס האט א געוואלדיגע השפעה אויף זיי. זיי שפירן ווי זיי גרייטן זיך צו קבלת התורה פונקט ווי זייערע אור-עלטערן וועלכע האבן נישט געקענט שלאפן ווארטנ'דיג אויפ'ן גרויסן מעמד!

**נדבת השבוע - חג השבועות**

**נתנדב לעי"נ משה יהודה ב"ר חיים ישכר דוב ע"ה**

**הלימוד יעמוד לזכות הנדבן שיחי' לכל מילי דמיטב**

כל הזכות שמורות